אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
ויחי - חזק
עשרה בטבת שנת תשפ"ה

# ויאמר אליהו

שמועסן און חיזוק ווערטער, אין אמונה און בטחון

מאת הרב **אלי' מאיר סמיט** שליט"א

בית המדרש תוספות יו"ט ירושלים » 058-323- \ 347-897-9968 «

בס"ד

# דער אייבערשטער איז מבלבל און טוישט די שכל פון מענטש, כדי אויסצופירן דאס וואס ער האט גוזר געווען!!!

## » פארוואס זענען די שבטים צוריקגעגאנגען קיין מצרים נאך די לויה פון יעקב אבינו?!?!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה (מז, כח) וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וגו', או"י לן רש"י הק' זאגט אויף דעם, "פארוואס איז די פרשה 'פארמאכט' (-עס פאנגט זיך אן גלייך נאך די פריעדיגע פרשה, אן קיין הפסק), וויבאלד יעקב אבינו איז נפטר געווארן, זענען פאשטאפט געווארן די אויגן און די הערצער פון די אידישע קינדער, פון אזויפיל צרות השיעבוד".

**און** די קשיא איז באקאנט, חז"ל זאגן דאך (הובא ברש"י שמות ו, טז ד"ה שני חיי לוי), אז ווילאנג איינע פון די שבטים האבן נאך געלעבט, האט זיך נישט אנגעהויבן די שיעבוד, איז פארוואס זאגן חז"ל אז תיכף נאך וואס יעקב אבינו איז נפטר געווארן, זענען פארטונקעלט געווארן די אויגן פון די אידן פון אזויפיל שיעבוד.

**איז** דער הייליגער **מעגלי צדק זי"ע** פון דעעש איז מסביר, אז מיר זעען דאך אז עס שטייט אין די הגדה "וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם (דברים כו, ה), מלמד שלא ירד יעקב אבינו להשתקע במצרים אלא לגור שם, שנאמר (לעיל מז, ד) וַיֹּאמְרוּ אֶל פַּרְעֹה לָגוּר בָּאָרֶץ בָּאנוּ כִּי אֵין מִרְעֶה לַצֹּאן אֲשֶׁר לַעֲבָדֶיךָ כִּי כָבֵד הָרָעָב בְּאֶרֶץ כְּנָעַן", קומט אויס אז די שבטים זענען נאר געקומען קיין מצרים ווי געסט, אויב אזוי פארוואס זענען זיי פארבליבן אין מצרים און נישט צוריקגעפארן קיין ארץ ישראל. מילא ווילאנג יעקב אבינו האט נאך געלעבט, דאס קען מען פארשטיין, ווייל זיי האבן נישט געוואלט מטריח זיין יעקב צוריק צו פארן (און חוץ פון דעם, דער אייבערשטער האט דאך איהם געהייסן אראפצוגיין קיין מצרים), אבער נאכדעם וואס יעקב אבינו איז אוועק פון די וועלט, און מען איז נאך ארויף צוריק קיין ארץ ישראל איהם צו באגראבן, פארוואס זענען זיי נישט געבליבן אין ארץ ישראל, נאר זענען צוריקגעפארן קיין מצרים, צו האבן זיי פארגעסן וואס זיי אליין האבן געזאגט אפאר יאר פארדעם, אז זיי זענען נישט געקומען קיין מצרים אויף זיך צובעזעצן דארט.

**נאר** מען מוז זאגן, אז דאס איז געווען אזוי פון הימל, אז דער אייבערשטער האט זיי פארשטאפט זייער אויגן און הארץ, אז זיי זאלן נישט כאפן און געדענקן פארוואס זיי געפונען זיך אין מצרים, כדי די גזירה פון די שיעבוד מצרים זאל קענען ווערן אויסגעפירט.

**דאס** קומט אונז לערנען, אז דער אייבערשטער פירט אונטער אין די וועלט, און פארדרייט די מענטש'ענס קעפ, אלעס כדי עס זאל ווערן אויסגעפירט דאס וואס ער וויל, און אפי' א זאך וואס עס זעהט אויס אז דער מענטש האט געמאכט א 'טעות', דאס איז אויך פונעם אייבערשטן, ממילא זאל א מענטש קיינמאל נישט טראכטן 'ווען איך וואלט נישט געטוהן אזוי און אזוי, דעמאלטס וואלט געווען אנדערש', נאר פארקערט, 'ווייל עס האט געדארפט זיין אזוי, דעריבער האב איז געמאכט די החלטה אדער די טעות'.

## » פארוואס איז די תורה מאריך צו שילדערן די גאנצע וועג ווי אזוי יוסף איז געגאנגען צו די שבטים?!

**אט** דער יסוד טרעפן מיר אסאך מאל אין די תורה, און עס איז זייער וויכטיג דאס איינצואווארצלן אין זיך, בפרט אין די יעצטיגע טעג ווי מיר געפונען זיך, דעריבער וועלן מיר אראפברענגען און פארברייטערן פון נאך פלעצער אין חז"ל אויף דעם נושא.

**דער** הייליגע **רמב"ן** (בראשית לז יג-טו ד"ה וימצאהו) שטעלט אוועק מיט געוואלדיגע שטארקע דיבורים אט דעם כלל, ווי ער שרייבט ווי פאלגענד: "און די תורה וויל אונז אויך לערנען מיט דעם, אז די גזירה פונעם אייבערשטן איז אמת, און דאס פיבעהאפטיגקייט פון דעם מענטש איז ליגענד, ווייל דער אייבערשטער האט איהם אינטערגעפירט א וועג ווייזער אומוויסענדיג, כדי איהם צוצוברענגען צו זייערע (-די ברודער'ס) הענט וכו', ווייל די גאנצע מעשה איז נישט געשעהן אומזינסט, נאר אונז מודיע צו זיין אז דער פלאן פון דער אייבערשטער וועט בלייבן שטיין".

**ווען** מען איז זיך מתבונן אין די גאנצע השתלשלות פון דאס אראפנידערונג פון די שבטים קיין מצרים, און די אלע נסיונות וואס כלל ישראל זענען אריבער אין מצרים, זעען מיר אז די גאנצע ציהל איז געווען זיי אויסצולערנען און זיי אויסלייטערן אין איין יסוד וואס איז 'די גזירה פון הימל איז אמת און דאס זיך איבערשטרענגען איז שקר'.

**לאמיר** אריינטראכטן, די ברודער פון יוסף האבן געהערט זיינע חלומות אז ער גייט קעניגן אויף זיי, און לכאו' וואלטן זיי געדארפט טראכטן אז דאס איז א שטארקע סימן אז דאס איז די רצון ה', און אויב אזוי וועט אזוי טאקע זיין, און עס וועט זיי נישט געלונגען צו טוישן די גזירה. אבער זיי האבן מחליט געווען צו פראבירן דאס אויסצומיטן.

**דערנאך** זעען מיר ווי יעקב אבינו האט געשיקט יוסף צו די ברודער, וואס דער גאנצע זאך איז געווען מיט איין צוועק צוצוברענגען כלל ישראל אראפצוגיין אין גלות, אזוי ווי חז"ל הק' זאגן (ילקוט **שמעוני** וישב לז, יד) אויפן פסוק "וַיִּשְׁלָחֵהוּ מֵעֵמֶק חֶבְרוֹן (בראשית לז, יד) "פון די די טיפע עצה פו די צדיק וואס איז באגראבן אין חברון, כדי מקיים צו זיין וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר אברהם ביי די ברית בין הבתרים כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ (בראשית טו, יג)".

**און** אזוי ווי מיר זעען, אז ער האט זיך דערקייקעלט צו זיינע ברודער אויף נישט קיין נאטורליכע אופן, ווייל ער האט דאך נישט געטראפן זיינע ברודער, און דער אייבערשטער האט ספעציעל אינטערגעשיקט א מלאך זאל איהם ווייזן די וועג, אז ער זאל אנקומען גלייך אריין אין די הענט פון זיינע ברודער וואס האבן איהם געפלאנט צו הארגענען, און דורך דעם צושטערן זיינע חלומות, אזוי ווי די פסוק זאגט וְעַתָּה לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ וְנַשְׁלִכֵהוּ בְּאַחַד הַבֹּרוֹת וְאָמַרְנוּ חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ וגו' (בראשית לז, כ).

**אבער** דער אייבערשטער וואס האט דוקא יא געוואלט אז יוסף זאל געוועלטיגן און קעניגן אויף זיי, האט זיי געמאכט נייגן זייער החלטה אין די לעצטע רגע זאגענדיג מַה בֶּצַע כִּי נַהֲרֹג אֶת אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת דָּמוֹ (בראשית לז, כו), און צום סוף האבן זיי אפגעמאכט איהם צו פארקויפן ווייט ווייט אוועק פון זיי, אזוי אז זיי זאלן איהם מער קיינמאל נישט זעהן. און ווי מען ווייסט איז טאקע מיט דעם שריט וואס זיי האבן געטוהן האבן זיי נאר דערנענטערט די ציהל און די גזירה פון הימל, און צום אויספיר פון די חלומות פון וואס זיי האבן אזוי שטארק מורא געהאט און געוואלט פטור ווערן.

**און** אזוי ווייטער זעהט מען אויך אז ווען פרעה האט מורא געהאט אז די אידן זאלן זיך נישט פארמערן האט ער געהייסן פאר די הייבאנען צו הארגענען אלע אידישע קינדער וואס ווערן געבוירן, און מיט דעם האט ער זיך איינגערעדט אז ער קען זיך איבערקלוגן דעם אייבערשטן, און דער אייבערשטער האט געמאכט דאס פונקט פארקערטע, אז ווי מער מען האט זיי געפייניגט האבן זיי זיך פיל מער פארמערט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק

וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ (שמות א, יב), און ווי די גמ' דרש'ענט אויפן פסוק וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד, וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם (שמות א, ז) אז די אידישע מאמע'ס האבן געבוירן זעקס קינדער אויף איינמאל. קומט אויס אז דוקא די שריט וואס פרעה האט געטוהן כדי צו פארמינערן די אידישע קינדער, דאס האט געמאכט אז זיי זאלן זיך פארמערן פילפאכיג.

## » פרעה האט אליין אויפגעהאדעוועט די רעטער פון כלל ישראל!!

**און** נאך די גרעסטע השגחה פרטית זעען מיר ווייטער ווי ווען פרעה האט געהערט אז אין די טאג אז גייט געבוירן ווערן די רעטער פון כלל ישראל, האט ער באפוילן מען זאל אריינווארפן אלע אידישע קינדער אין וואסער. און מיט דעם האט ער געמיינט אז ער איז פטור געווארן איינמאל פאר אלעמאל פון זיין צרה.

**וואס** איז אבער למעשה געשעהן, אז דוקא פרעה'ס טאכטער, איז געגאנגען צום טייך, און דוקא זי האט געטראפן די קעסטעלע ווי משה'לע איז געלעגן, און אפי' זי האט געזעהן און געוואר געווארן אז דאס איז אן אידיש אינגל, האט זיך מחליט געווען אנצופייפן איר טאטע, און איהם ראטעווען.

**און** צוגאב צו דעם האט זי נאך שיין באצאלט פאר יוכבד פארן זייגן דאס קינד. דערנאך האט זי איהם גענומען אריין אין פאלאץ פאר פרעה בכבודו ובעצמו, און דארט האט זי מיט פרעה איהם אויפגעהאדעוועט, זיי האבן איהם געגעבן צו עסן און טרינקן, און אנגעקניפט מיט איהם גאר א נאנטע ליבשאפט, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (שמו"ר א, כו), "וויבאלד משה איז געווען שיין, האט א יעדער איינער געגליסט איהם צו זעהן, און ווער עס האט איהם נאר אנגעקוקט האט נישט געקענט אראפנעמען די אויגן פון איהם פון פיהל שיינקייט, און פרעה פלעגט איהם קישן און ארומהאלזן".

**פון** דעם אלעם לערנען מיר, אז א מענטש קען זיך נישט ארויסדרייען פו די גזירה פונעם אייבערשטן, און וואס ער וועט נאר טוהן אויף דעם ריכטונג, נישט נאר אז עס וועט זיין געארבעט אומזינסט, נאר אז וועט נאך פארשנעלערן און דערנענטערן די זאך פון וואס ער וויל זיך ארויסדרייען.

**די כלי יקר** אויפן פסוק וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ עַל מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא יָדַע אֶת יוֹסֵף (שמות א, ח), שרייבט ווי פאלגענד: "...ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס עס איז געשעהן מיט יוסף, ווייל זיינע ברודער האבן פראבירט מיטן גאנצן כח איהם צו פארלירן און מבטל זיין זיינע חלומות, אבער עס האט זיי נישט געהאלפן זייערע אלע פלענער, ווייל דער אייבערשטער'ס רצון איז געווען מיט יוסף איהם צו דערהייבן, און די פלאן פון דעם אייבערשטן בלייבט אויף אייביג. פרעה האט געזאגט 'פן ירבה' אקעגן די רצון ה' וואס האט געזאגט 'כן ירבה', און האט געטראכט ווי אזוי זיי צו פארלענדן און עס איז איהם נישט געלונגען, פונקט אזוי ווי עס איז נישט געלונגען פאר די ברודער פון יוסף. און וויפיל ער איז אויפגעשטאנען אויף די אידן, איז דאס אליין געקומען אקעגן די מצריים ועל קדקדם חמסו ירד (תהלים ז)", עכ"ל. און די זעלבע זאגט די **רמב"ן** (בראשית לז, יג-טו) מיט זיין באקאנטע אויסדרוק "די גזירה איז אמת, און דאס אליין און זיין געשיקט איז שקר".

## » יוסף איז פארקויפט געווארן וועגן זיין חלום, אדער זיין חלום איז געקומען כדי אז ער זאל פארקויפט ווערן...?!

**און** אין **מדרש תנחומא** (וישב ט) שטייט ווי פלגענד: "האט רבי יהושע בן לוי געזאגט, גיב א קוק אז די אייבערשטער'ס אויפפירונג איז נישט אזוי ווי די אויפפירונג פון א בשר ודם. א בשר ודם מאכט קאליע מיט א מעסער און היילט מיט א באנדאש, און דער אייבערשטער מיט דעם וואס ער שלאגט מיט דעם היילט ער אויס. יוסף איז פארקויפט געווארן דורך א חלום, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו הִנֵּה בַּעַל הַחֲלֹמוֹת הַלָּזֶה בָּא לְכוּ וְנִמְכְּרֶנּוּ וגו' (בראשית לז, כ-כז), און ער איז געווארן א קעניג דורך א חלום אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם (בראשית מא, א)", עי"ש.

**אויך** דא וואלט מען זיך געקענט טועה זיין און זאגן אז יוסף איז פארקויפט געווארן וועגן זיין חלום, און ווען נישט דעם וואלט ער נישט פארקויפט געווארן, אבער עס איז א גרויסע טעות, ווייל ווי מיר ווייסן קלאר פון חז"ל אז די מכירת יוסף איז געווען פונטקליך אויסגעפלאנט, ווי חז"ל זאגן (שבת פט.) "יעקב אבינו וואלט ווען געדארפט אראפגיין קיין מצרים געבינדן אין אייזערנע קייטן, כדי מקיים צו זיין די גזירה פונעם ברית בין הבתרים, אבער דער אייבערשטער האט אונטערגעפירט אז יוסף זאל פארקויפט ווערן כדי אז יעקב זאל אראפגיין קיין מצרים מיט כבוד. און פונקט אזוי ווי אז דאס וואס ער האט געקעניגט דורך א חלום פארשטייט יעדער אז נישט די חלום האט עס געמאכט, נאר די חלום איז געווען א אמצעי, אזוי אויך דאס פארקויפונג איז געווען אויסגערעכנט פון פאראויס, און האט נאר געדינט אלץ א מיטל.

**און** דאס איז די טיפקייט וואס חז"ל זאגן אונז, 'אז מיט וואס ער שלאגט, מיט דעם היילט ער', כדי אונז צו לערנען, אז די נישט די 'מכה' איז די סיבה, ווייל מען זעהט דאך אז מיט די זעלבע מיטל היילט מען, אלא מאי, אז דאס אלעס זענען נאר שלוחים פונעם אייבערשטן.

**און** דאס מיינט, אז די אלע פעולות וואס א מענטש טוהט און איז 'מצליח', איז נישט ווייל דער מענטש האט געהאלט שכל צו טוהן א געלונגענע זאך, דעריבער האט ער מצליח געווען, נאר ווייל דער אייבערשטער האט מחליט געווען אז יענער זאל מצליח זיין, דעריבער האט ער איהם אריינגעלייגט אין קאפ צוטוהן יענע געוויסע זאך.

"...אז די אלע פעולות וואס א מענטש טוהט און איז 'מצליח', איז נישט ווייל דער מענטש האט געהאלט שכל צו טוהן א געלונגענע זאך, דעריבער האט ער מצליח געווען, נאר ווייל דער אייבערשטער האט מחליט געווען אז יענער זאל מצליח זיין, דעריבער האט ער איהם אריינגעלייגט אין קאפ צוטוהן יענע געוויסע זאך..."

**ווי** עס שטייט אין ספר **מסילת ישרים** (פרק כא) ווי פאלגענד: "באמת וואלט א מענטש געקענט זיצן ליידיג, און דאס וואס די באשעפער האט גוזר געווען וואלט מקוים געווארן, ווען נישט וואס די באשעפער האט מקדים געווען מיט א קנס פארן מענטשהייט אז מען זאל מוזן ארבעטן אזוי ווי עס שטייט בזיעת אפך תאכל לחם, דעריבער מוז א יעדן מענטש זיך משתדל זיין מיט עפעס א השתדלות פאר פרנסה, ווייל אזוי האט די קעניג גוזר געווען, און דאס איז אזוי ווי א שטייער וואס די גאנצע מענטשהייט באצאלט, וואס מען קען זיך נישט ארויסדרייען פון דעם, דעריבער זאגן חז"ל 'איך וואלט געוואלט מיינען אז אפי' מען זיצט ליידיג (-וועט אריינקומען די ברכה) תלמוד לומר 'בכל מעשה ידיך אשר תעשה', אבער נישט די השתדלות איז דאס וואס עס העלפט, נאר די השתדלות איז א זאך וואס מען מוז, און אין די רגע וואס מען האט זיך מיט עפעס משתדל געווען, האט מען יוצא געווען דעם חוב, און עס איז שוין דא א פלאץ ווי די ברכה קען חל זיין", עכ"ל.

**און** די מסילת ישרים איז דארט ממשיך און שרייבט: "עס איז פארהאן א גרויסע נפקא מינה אין דעם, ווייל ווען די פרנסה ווענדט זיך אין די מעשים פון די מענטש און אין זיין השתדלות, איז דא א מקום צו זיין נארוועס און טרוד, ווייל מען דארף דאך טראכטן ווי אזוי צו פארדינען געלט. אבער ווען א מענטש פארשטייט אז עס איז נישט אפהענגיג אין איהם בכלל, און ער קומט נאר מקיים זיין די גזירה פון הימל, דעמאלטס ווערט אלעס געטוהן מיט א רוהיגקייט און מנוחת הנפש, און פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן", עכ"ל פון דער מסילת ישרים.

**און** ווי די חזון איש דריקט זיך אויס אין **קובץ אגרות**: "ביי יעדע זאך וואס עס געשעהט, בין איך געוואוינט זיך אנצוהאלטן אין אמונה, אז עס ווערט נישט געטוהן אויף דער וועלט קיין שום זאך צופעלדיג, נאר דורך די השגחה פונעם אייבערשטן, און איך שטרענג זיך אן מתפלל צו זיין, אפצושלאגן די גזירה, דעריבער בין איך זיך מתייחס צו השתדלות מיט א קאלטקייט, ווייל על פי רוב, איז די השתדלות נישט קלאר".